# גליון השבוע

פרשת חיי שרה

כתה ה'

ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הק' בעל דברי יואל זצוק"ל - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בנין ישעי' זאב לעוו


## ואת מתך קבר:

**6** מאל שטייט אין די פרשה, קודם דאסווארט "קבר" און דערנאך דאס ווארט "מתך". און **1** מאל שטייט פארקערט, קודם "מתך" דערנאך "קבר". ואת מתך קבר".

ווייל **צדיקים במיתתם קרואין חיים** א צדיק אפילו ער איז שוין נפטר געווארן, איז אזוי ווי ער לעבט נאך, (נאר ער איז באערדיגט). און א רשע איז פונקט פארקערט, **רשעים בחייהם קרואין מתים** אפילו ער לעבט, דאך איז אזוי ווי ער איז שוין געשטארבן.

אין דעם מערת המכפלה זענען שוין געווען באערדיגט 2 מענטשן, אדם - וחוה. מען האט נאך געדארפט דארט באערדיגען נאך 6 צדיקים אברהם - שרה. יצחק - רבקה. יעקב - לאה.

**ווען** דעם שטייט 6 מאל קודם קבו"ר דערנאך מת"ך. און איין מאל שטייט קודם מת"ך דערנאך קב"ר, ווייל דאס גייט ארויף אויף איין רשע וואס איז אויך דארט געווען באערדיגט, דאס איז געווען עשו הרשע'ס קאפ, וואס הייסט שוין געשטארבן נאך פארן שטארבן.

(ווילנער גאון)

## ויקם שדה עפרון.

**די ווערטער פון "ו'יקם ש'דה ע'פרון" זענען ר"ת (ראשי תיבות) עשו.**

**אין דעם פסוק איז מרומז אז עשו הרשע (נאר די קאפ) איז אויך געווארן באערדיגט אין מערת המכפלה.**

## אוצר השבוע

**ויהיו חיי שרה**

שרה האט געבוירען יצחק ווען זי איז אלט געווען ניינציג יאהר , און ווען זי איז נפטר געווארען איז זי אלט געווען הונדערט זיבען און צוואנציג יאהר, פון ניינציג ביז הונדערט זיבען און צוואנציג יאהר – איז זיבען און דרייסיג יאר. דאס איז מרומז אין ויהיו וואס באטרעפט 37, דאס זענען געווען חיי שרה , דאס עיקר לעבן פון שרה.

(רבינו בחיי)

**לספוד לשרה ולבכתה.**

עס איז דא א קליינע **כ'** ביי **לבכתה**, עס קען זיך ליינען **וּלְבִתָּהּ**, וואס דאס מיינט אז אברהם האט געוויינט אויך וועגן זיין טאכטער וואס האט געהייסן **בַּכֹּל**, וואס איז אויך געשטארבן. נאר ביז ווילאנג שרה האט געלעבט, האט אברהם אבינו נישט געשפירט די ווייטאג אז זיין טאכטער איז געשטארבן, נאר ווען שרה איז געשטארבן האט ער אויך געוויינט וועגן זיין טאכטער **בַּכֹּל** וואס איז געשטארבן. וועגן דעם איז דא א קליינע **כ'** מען זאל עס קענען ליינען **וּלְבִתָּהּ**.

(חתם סופר)

ווייל ווען יעקב אבינו איז נפטר געווארן, און מען האט אים געוואלט אריין טראגן אין מערת המכפלה, וואס ער האט אפגעקויפט פון עשו. האט עשו נישט געלאזט **באערדיגן** יעקב אבינו. ער האט זיך געקריגט מיט יעקב׳ס קינדער אויף די מערת המכפלה, ביז חושים דער זון פון דן, וואס ער איז ל״ע געווען טויב, האט אים אפגעהאקט דעם קאפ, און עשו׳ס קאפ האט זיך אריין געקוילערט אין דעם מערת המכפלה צווישן יצחק׳ס פיס, און מען האט דאס דארט באערדיגט.

(בעל הטורים)

## ואברהם זקן בא בימים וה׳ ברך את אברהם בכל,

### רש״י בכל בגמ׳ בן .

עס שטייט אין די גמרא אז אברהם האט געבעטן דעם באשעפער אז א מענטש זאל ווערן אלט אין זיין בארד זאל ווערן ווייס, ווייל בוז דעמאלט׳ס האט מען נישט דערקענט קיין חילוק צווישען א יונגע מענטש אין א אלטע מענטש .

די גמרא זאגט אז אברהם און יצחק האבן אויסגעזעהן אייניג און מען האט נישט מכבד געווען אברהם מער ווי יצחק ווייל ביידע האבן אויסגעזעהן יונג. האט אברהם מתפלל געווען אז ווען מען ווערט עלטער זאל מען אויסזעהן אלט און מען זאל זען א חילוק צווישן אים אין יצחק.

דאס זאגט די פסוק, **"אברהם זקן"** דער באשעפער האט געמאכט אברהם אלט פארוואס ? ווייל **"ה׳ ברך את אברהם"** דער אויבערשטער האט געבענטשט אברהם **"בכל"**, מיט אלעס דאס מיינט א זון אין ער האט נישט געוואלט אויסזען ווי אים האט אים דער אייבערשטער געמאכט אלט,

(חידא),

## וירץ העבד לקראתה.

### רש״י: לפי שראה שעלו המים לקראתה.

**ווען** מ׳איז מדייק אין די ווערטער פון פסוק זעהן מיר אז בלויז ווען זי האט געוואלט צו טרינקען פאר זיך איז דאס וואסער ארויף, אבער ווען זי האט געוואלט פאר די קעמלעך האט זיך זיך אליין מטריח געווען און ארויפגעברענגט די וואסער, ווייל ווען מ׳איז גומל חסד פאר אנדערע, דארף דאס נישט גרינג אנקומען, און מ׳דארף זיך מטריח זיין דערויף.

(קדושת לוי)

## שני חיי שרה

זאגט אויף דעם רש״י, ״כולן שוין לטובה״, אלע איהרע יאהרן זענען געווען גלייך צום גוט׳ן. לכאורה איז שווער, ווי אזוי קען רש״י זאגן אז אלע איהרע יארען זענען געווען גוט, זי האט דאך מיט געמאכט אזויפיהל צרות אין איהר לעבן, זי האט נישט געהאט קיין קינדער ביז די ניינציג יאהר אלט, און זי איז פארכאפט געווארן אין פרעה׳ס פאלאץ, און זי איז פארכאפט געווארן אין אבימלך׳ס פאלאץ, און נאך אנדערע צרות ?

מען קען אפשר זאגן, אז רש״י מיינט דא צוזאגן א טיפערע כוונה, ווייל עס איז ידוע, אז צדיקים נעמען אהן באהבה אלס וואס דער אויבערשטער טוט מיט זיי, אפילו דאס וואס זעהט לכאורה אויס ווי שלעכטס, אזוי ווי די גמרא דערציילט אין מסכת תענית (דף כ״א ע״א) אויף ״נחום איש גם זו״, אז ער האט אזוי געהייסן, ווייל אויף אלעס וואס איז געשעהן מיט איהם, האט ער געזאגט ״גם זו לטובה״.

קען מען זאגן אז די זעלבע איז אויך געווען ביי שרה אמנו, אז ווען עס האט פאסירט מיט איהר זאכען וואס זי האט געהאט צער דערפון, האט זי עס אהנגענומען צום גוט׳ן. דאס זאגט דא רש״י, ״כולן״ אלע יארען פון שרה, אפילו די ״שלעכטע״ יאהרן, ״שוין לטובה״, זענען ביי איהר געווען גלייך צום גוט׳ן.

(הרה״ק ר׳ זושא)

## ואברהם זקן בא בימים וה׳ ברך את אברהם בכל,

מ׳ קען מפרש זיין דעם פסוק לויט ווי עס ווערט געברענגט אז דער צדיק הרה״ק ר׳ שמעון מיערוסלאוו ז״ל האט אמאל זיך אויסגעדרוקט אז דערובער האט ער זוכה געווען צו אריכות הימים ווייל ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט, ער האט אלעס מקבל געווען באהבה, דאס קען זיין פשט אין פסוק, ואברהם זקן בא בימים, ער האט זוכה געווען צו אריכות הימים ווייל וה׳ ברך את אברהם בכל, ער איז שטענדיג געווען צופרידן ווי גלייך עס פערט אים גארנישט

(בנין דוד)

# מדת השבוע ~ אמת

**וישקול אברהם לעפרן = זאגט רש"י אז וועגן דעם האט די תורה הקדושה אוועק גענומען די אות ו׳ פון עפרון, ווייל ער האט נישט געזאגט אמת, ער האט צוגעזאגט צו געבן די פעלד אומזיסט אבער צום סוף האט ער גענומען פון אברהם די טייערסטע מין מטבעות וואס עס איז געווען !**

## די הארב קייט פון זאגן ליגענט

די חז"ל זאגן! עס איז דא פיר כיתות וואס זענען נישט זוכה מקבל צו זיין די שכינה, און איינע פון זיי זענען די כת שקרנים, די מענטשן וואס זאגן ליגענט, און ווער עס זאגט ליגענט איז אזוי ווי ער האט געדינט די עבודה זרה.

דוד המלך זאגט אין תהלים, דובר שקרים לא יכון לנגד עיני, הקב"ה זאגט ווער עס זאגט ליגענט וועט נישט שטיין פאר מיינע אויגן - איך קען נישט פארנעמען און אנקוקען א מענטש וואס זאגט ליגענט.

אויף קיין שום עבירה זאגט נישט די תורה אז מען זאל זיך "דערווייטערן" פון צו טאן די עבירה, נאר ביי שקר, ווי עס שטייט אין פסוק "מדבר שקר תרחק" **ווייל א מענטש וואס איז צוגעוואוינט ליגענט צו זאגן העלפט נישט קיין תשובה,** מען גלויבט עם נישט אז ער טוט אמת׳דיג תשובה, פארדעם וויל די תורה הקדושה אז מען זאל זיך דערווייטערן פון שקר.

די ספרים הקדושים טייטשן: "**מִדְבַר שקר**" אויב מען זאגט א רייד וואס איז ליגענט, דעמאלס "**תרחק**" טוט זיך דער באשעפער דערווייטערן פון אים.

דער עונש פאר דעם וואס זאגט ליגענט איז, אז אפילו אמאל ווען ער זאגט שוין יא אמת גלייבט מען אים אויך נישט, אזוי ווי די באוויסטע מעשה מיט דעם פאסטעך.

די חז"ל באטיטלען דעם מענטש וואס האלט נישט זיין ווארט, מיט דעם נאמען רשע, אזוי ווי עס שטייט, רשעים אומרים הרבה ואפילו מעט אין עושים. רשעים זאגן אסאך און אפילו ווייניג טוען זיי אויך נישט, אזוי ווי מיר זעהן און די וואכענדיגע סדרה פון עפרון ער האט צוגעזאגט פאר אברהם צו געבן די פעלד אומזינסט, און צום סוף האט ער גענומען אסאך געלד

## סיפור

**די שטאט קושטא**

עס ווערט געברענגט אין די גמרא, אז אין די שטאט קושטא (וועגן דעם האט די שטאט געהייסן אזוי, ווייל דארט האט מען נאר געזאגט אמת) איז קיינמאל קיינער נישט געשטארבן פאר די צייט, און ווען עס איז געקומען די צייט צו שטארבען איז מען ארויס פון שטאט אין דארט איז מען געשטארבען. עס ווערט געברענגט אין די גמרא (סנהדרין) אז א חכם איז געגאנגען וואוינען אין די שטאט "קושטא" און ער האט געהאט צוויי קינדער, איינמאל האט ער ליגענט געזאגט און די צוויי קינדער זענען ל"ע געשטארבען זענען די מענטשן פון די שטאט געקומען פרעגן פארוואס ער איז געשטראפט געווארן, האט ער זיי פארציילט אז ער האט געזאגט א ליגענט, האבן זיי אים געבעטען אז ער זאל פארלאזן די שטאט און גיין וואוינען און אן אנדערע שטאט, כדי ער זאל נישט גורם זיין אז מענטשן פון די שטאט זאלן חלילה שטארבען.

**שקר מיט שלימזל.**

אין מדרש ווערט דערציילט ! אז אלע חיות זענען געקומען צו נח אין דער תיבה פאָר ווייז, דער שקר האט מען נישט אריין געלאזט ווייל ער האט נישט געהאט מיט געברענגט א פאָר, ביז ער האט אנגעטראפן דעם שלימזל און פרעגט אים צו ווילסטו מיט מיר זיין א פאָר, האט שלימזל געפרעגט וואס ועסטו מיר געבן, האט שקר ג׳ענטפערט אז אלעס וואס איך וועל פארדינען מיט מיין שקר וועל איך דיר געבן, און דער מדרש פירט אויס אז פון ווען זיי זענען געווארן א פאָר באקומט דער שלימזל אלעס וואס ווערט פארדינט דורך שקר.

# הילולא השבוע

## הרה"ק רבי אברהם ב"ר מרדכי זי"ע

בעמח"ס "חסד לאברהם"

כ"א חשון נפ' שנת ה' אלפים ת"ד

די וואך געפאלט אויס די יארצייט פון דעם בעל חסד לאברהם זי"ע ער איז געווען דעם זיידע פונע'ם הייליגע חיד"א ער איז געווען א גרויסע צדיק און בעל מקובל,

אין צוזאמענהאנג מיט זיין פטירה ווערט דערציילט גאר א אינטערסאנטע מעשה, ווי באוויסט זענען ליידער די אראבער'ס בעלי הבתים אויף די מערת המכפילה, אמאל אין א חגא טאג פון די אראבער'ס איז א גרויסע שעך געקומען באזוכן די מערת המכפילה, אימיטן זיין באזוך האט ער זיך אריינגעבויגן אין א פענסטער'ל צו קענען אראפ קוקען אינטען ווי די הייליגע קברים זענען, פלוצלינג איז זיין טייערע שווערד ארויס געפאלן פון אים און אריין געפאלן אין די מערה, האט ער אראפ געשיקט אראבער'ס אז זיי זאלן ארויפברענגען די שווערד אבער זיי זענען נישט ארויס געקומען לעבעדיג,

האט ער גוזר געווען אז די אידן מוזן ברענגען איינעם וואס זאל אריינגיין אונטען און די הייל ארויס צונעמען זיין טייערען שווערד, אזוי ווי די אידן האבן געהערט די גזירה האבן זיי גוזר תענית געווען און מתפלל געווען אז עס זאל ח"ו פאר קיינעם נישט שאטן, און מען האט געמאכט גורל און עס איז אויסגעקומען אויפן הייליגען בעל חסד לאברהם אז ער זאל גיין ארויפבענגען די שווערד פון אונטען, דער הייליגער בעל חסד לאברהם האט זיך צוגעגרייט אריין צו גיין אין אזא הייליג פלאץ, און ער האט געפאסט און מתפלל געווען אז ער זאל ארויס קומען פון דארט לעבעדיג'ערהייט,

דער בעל חסד לאברהם איז אנגעקומען צום מערת המכפילה ווי די הייליגע אבות זענען באערדיגט, און ארויפגעשיקט די שווערד, אין אזוי ווי ער איז שוין געווען אונטען האט ער געכאפט א שפאציר, פלוצלינג האט ער באגעגנט גאר א הויכע מענטש, האט אים דער בעל חסד לאברהם געפרעגט ווער ער איז, האט ער געזאגט אז ער איז אליעזר עבד אברהם און ער איז נאך אלץ משמש אברהם אבינו, האט דער בעל חסד לאברהם געפרעגט אויב ער קען אריינגיין אינעווייניג ווי די הייליגע אבות זענען, האט אליעזר געענטפערט אז ער דארף פרעגן רשות פון די אבות הקדושים, איז אליעזר אריינגעגאנגען און געפרעגט אויב ער מעג אריינלאזן דעם בעל חסד לאברהם האט מען אים געגעבן רשות אז ער זאל אריינקומען,

אזוי ווי ער איז אריין און ער האט געזעהן די צורה פון די הייליגע אבות האט ער גלייך ג'חלשט פון גרויס שרעק, מען האט אים שנעל דעמינטערט, אזוי ווי ער איז שוין דארט געווען האט ער געבעטן אז ער וויל שוין גלייך אריינגיין אין גן עדן - ווי באוויסט איז די אדורך'גאנג אנצוקומען אין גן עדן פאר די נשמות דורך די מערת המכפילה – האט אים אברהם אבינו געענטפערט אז ער קען נישט דא בלייבן ווייל ער מוז מיט מאכן די מיתה אזוי ווי א יעדע מענטש, און ער האט אים בארואיגט אז "מחר עמו במחיצתו" דאס מיינט אז מארגן וועסטו שוין זיין צוזאמען מיט מיר אין איין מחיצה ווייל די גייסט אוועק גיין פון די וועלט, ווייל א מענטש וואס איז געווען אין אזא הייליג פלאץ קען מער נישט בלייבן לעבן אויף דער וועלט, וכך הוה דער בעל חסד לאברהם איז ארויסגעגאנגען בשלום פון די מערה און געזאגט אז ער געזעגענט זיך פון די וועלט ווייל מארגען גייט ער נפטר ווערן, זכותו יגן עלינו.

(מפי הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א, זכרון ירשלים )

# סיפור השבוע

## ויברך את הגמלים.

אין יאר תש"ו, ווען רבי בעל דברי יואל זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל, און האט אונטערוועגס אמאל דורכשפאצירט א מדבר און געזען ווי קעמלעך גייען מיט זייערע פירער, האט ער דערציילט, אז אלס קינד ווען ער האט מעביר סדרה געווען און איז אנגעקומען צום פסוק ויברך את הגמלים האט ער נישט געוואוסט וואס דאס מיינט גמלים, האט ער געפרעגט זיין פאטער וועלכער האט אים ערקלערט אז דאס איז קעמלעך.

אויף זיין וואונדער וואס איז דאס קעמלעך, האט אים זיין פאטער דער קדוי"ט גענומען צום פענצטער זאגענדיג, ווארט דא, באלד וועסטו זען קעמלען אדורכפארן געווענדליך אין יענע געגענט איז נישט דא קיין קעמלעך וכך הוה. עס האט נישט לאנג געדוירט און עס האט אריבער שפאצירט א גאנצע שיירא מיט קעמלעך,